„RADOMER-KIELCER LEBEN“ № 7 (147) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem“ יאָהרגאַנג פֿירטער פּרייז 25 גראָשען

הייבט 10 זייטיג.

:אַדרעסען
פֿון „ראַדאָמער-קעלצער לעבען“

אין ראַדאָם:
Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben“
Radom, Szwarlikowska 20.

אין קעלץ
Redakcja i Administracja
„Radomer-Kielcer Leben“
Kielce, Staro-Warszawska 34.

!אַנאָנסען פּרייז
אײן מילימעטער שורה: פֿאַר'ן טעקסט 20 גר.
„ „ „ אין „ 40 „
„ „ „ נאָכ'ן „ 18 „
די ערשטע זייט אַנטהאַלט 8 שפּאַלטען
אין טעקסט אין לעצטע זייט 4 „

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

18-go lutego 1927 r. ראַדאָם פֿרייטאָג ט״ז אדר תרפ״ז — פֿאַר'ן אינהאַלט פֿון טעקסט אין די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פֿעראַנטוואָרטליך

## Żyd. T-wo Gim. Sport. „BAR-KOCHBA“ w Radomiu

*urządza w salach teatru „ROZMAITOŚCI“ dnia 26 lutego 1927 r.*

## ☛ Doroczny Bal Maskowy

z konkursami tańców i kostjumów

**2 doborowe orkiestry — kołowrót masek przy świetle reflektorów — maski nie obowiązują**

**Ceny miejsc:** 4 zł. galerja 2.50 gr.

Bileta od 23 b. m. nabyć można w kantorze wymiany p. WAJSELFISZA ul. Lubelska 29 w dzień balu od godz. 12 p. p. przy kasie teatru.

## וויכטיג נייעס פאר פרויען

איך מאַך בעקאַנט מיינע ג. קונים, אַז איך בין צוריק געקומען פֿון פּאַריז און איך האָב מיטגעבראַכט די נייעסטע מאָדערנע מאָדעלען און זשורנאַלען פֿון פּאַריז פֿון די ערשטע קוואַלע. איך פֿערהאָף, אַז די קליענטעליע וועט קומען זיך איבערצייגען אין ערקונדיגען אין מיין פּראַצאָווניאַ פֿון דאַמען-שניידעריי, וואו זיי וועלען האָבען די מעגליכקייט זיך צו בעקענען מיט די שענסטע און אָריגינעלסטע פֿאַסאָנען פֿון דער לעצטער פּאַריזער מאָדע.

מיט אכטונג **נח שאלימאוויטש**
ראדאם, קילינסקא 25.

PŁYN „JAŚNIEJ SŁOŃCA“
ריינינט אַלע
...
מעטאַלען, שפּיג-
לען און מאַרמור
SPROBUJCIE A PRZEKONACIE SIĘ

Został zgubiony dn. 15 lutego 1927 r. 1/4 Losu № 16858 14 ta Polska państwowa loterja.



**Kino-Teatr „CORSO“ w Radomiu**

דאָס בעריהמטע יודישע פֿילם-בילד

## דער שפּאַס פֿון גורל

וועלכע דעמאָנסטרירט פֿון היינטיגען דאָנערשטאָג אָן, אין די 10 גרויסע אַקטען ווערט געשילדערט דאָס לעבען פֿון די פּויליש יודישע עמיגראַנטען אין אַמעריקאַ, איר הצלחה שטאַנענד און ריהרט ביז טרעהרען.

אין די הויפּט-ראָלען: דער בעריהמטער פֿילם-אַרטיסט
**אלעקסאַנדער צאַר**
מיט די יונגסטע שטערען פֿון עקראַן
**באבי פעגי.**
יעדער ראַדאָמער יוד דאַרף קומען זעהן דאָס העכסט אינטערעסאַנטע בילד.

Wszystkim lekarzom za ich troskliwą opiekę szczególnie D-rowi KELLERWORMOWI oraz wszystkim, którzy okazali tyle serca w oddaniu ostatniej usługi ukochanemu MĘŻOWI i OJCU naszemu b. p.

## Władysławowi Finkielsteinowi

w szczególności p. H. GOLDBLUMOWI składają serdeczne „Bóg zapłać“ pozostali w nieutulonym żalu.

Żona dzieci i rodzina.

BANK KREDYTOWY w RADOMIU

SPÓŁDZ. z ODP. OGR.

LUBELSKA № 21, — telefon № 510

*Konto czekowe w P. K. O. № 64262 i w Banku dla Spółdz. w Warszawie.*

ערלעדיגט אַלע באַנק-אָפּעראַציעס: נעמט אָן פּקדונות (וועקלאַדען) גיט ארויס הלוואות, דיסקאָנטירט וועקסלען און צאָהלט אוואַנסען אויף אינקאַסעס. — מאַגאַזינירט די אנגעקומענע סחורות אויפ׳ איהר נאָמען אין אייגענע לאַגערען, וועלכע געפינען זיך ביים ה׳ **נתן גאָטליעב**, פּיאַסקי 28 און וואַלאָווא 7 און גיט ארויס אויף וועלכע אויפ׳ן פערלאַנג פון קליענט — טיילוויז.

ערלעדיגט פּינקטליך, שנעל און ביליג אַלערליי אינקאַסעס און צאָהלט אויס די איינגעפלאָסענע סומעס אין זעלבען טאָג. גינסטיגע ערלעדיגונג פון פראַכט-אינקאַסעס און פּאָסט—פּאָסילקעס.

# וואס הערט זיך אין ראַדאָם.

## ענדגילטיג בעזייטיגט דעם ה׳ קעסטענבערג פון זיין אפיציעלען רבנות-אמט.

היינטיגען מאָנטאג האָט דער וואָיעוואָדא אין קעלץ פּערזענליך איבער־געגעבען דעם ה׳ סטאַראָסטא, אז ער האָט בעקומען א פעראָרדנונג פון ביל-דונגס—מיניסטער, דאס אין פערלויף פון צוויי טעג מוזען די סטאַן-ציווילני־ביכער צוגענומען ווערען ביים ה׳ קעסטענבערג און לויט דער אָנווייזונג פון גמינע איבערגעגעבען ווערען דעם מורה הוראה, ה׳ טייטעלבוים. די דאָזיגע דעציזיע האָט דער ה׳ סטאַראָסטא דינסטאג אין דער פריה, געמאָלדען אין 4 עקזעמפּליאַרען: צו קעסטענבער־ג׳ען; זיין פאָטער מגדיל קעסטענ-בער; מורה הוראה טייטעלבוים ווי אויך דער גמינע. איבעראל איז געזאָגט געוואָרען, אז דינסטאג ביז צוויי א זייגער דארפען די ביכער שוין זיין איבערגעגעבען דעם ה׳ טייטעלבוים, היות אָבער ווי דער מורה הוראה, ה׳ מענדיל קעסטענבערג, האט בעקומען די מעלדונג אין ער פלוצלינג קראַנק גע־וואָרען און ארויסבעקומענדיג א „זאָש־וויאַדטשעניע״ פון א דאָקטאר, אז ער איז קראַנק, וואס האט געדיענט אלס מאָטיוו, אז צוליב זיין נישט געזונד—צושטאַנד איז ער נישט אימשטאַנד אויסצופיהרען די פעראָרדנונג, און בע־טענדיג דאס צו פראלאנגירען ביז מאָרגען,—איז דער גאַנצער אויספיה־רונגס-אַקט אָבגעלעגט געוואָרען אויף צו־מאָרגענס, מיטוואָך. צו דער בעשטימ־טער צייט, ס׳הייסט מיטוואָך אין דער פריה זענען צו יחיאל קעסטענבערג אין דער וואָהנונג געגאַנגען דריי דעלעגירטע פון גמינע אין די פּערזאָ-נען פון ה׳ יששכר אדלער, ה׳ העניך וויינטרויב, מורה הוראה טייטעלבוים. ווי אויך דער פּאָוויאַטעהער פון דער סטאַ־ראָסטווא, ה׳ פּשאַבניצקי מיט׳ן גמינע-סעקרעטאַר.

ארויפקומענדיג צו ה׳ קעסטענבערג האָבען זיי געטראָפען די וואָהנונג פער־שלאָסען און מ׳האט זיי ערקלערט, אז אזוי ווי דאָרט איז קיינער נישטאָ קאָן מען די וואָהנונג נישט עפענען. דער פּריזעס פון דער קהלה ה׳ יחיאל פרענקעל האט זיך דאַן פערשטענדיגט טעלעפאָניש מיט׳ן קעלצער וואָיעוואָ-דא, איבערגעבענדיג, אז דורך פער-שידענע שפּיגלען, איז ה׳ קעסטענ־בערג אויסען דעם גאַנצען ענין אָב־צושלעפען. דער ה׳ וואָיעוואָדא האט תיכף איבערגעשיקט א טעלעפאָנישע פעראָרדנונג צום ה׳ סטאַראָסטא, אז דער מיניסטעריאַלער דעקרעט זאָל אונבעדינגט אויסגעפיהרט ווערען אין מיט־וואָכדיגען טאָג אין דער ה׳ סטאַראָסטא צופאַסענדיג זיך פּינקטליך צום וואָ־יעוואָדעס טעלעפאָנאַגראַם, האט זיך מיט־מעגטאָל קאָמוניקירט מיט דער פּראָ־קוראטאָרישע מאַכט, בעטענדיג דער פּראָקוראַר זאָל אַדמיניסטראַטיוו פער־אָרדנען צו עפענען דורך א שלאָסער די טהירען פון קעסטענבערג׳ס קאַנ־צעלאַריע. אויף דער אָנפראגע פון פּראָקוראָר, צי עס איז נישט מעגליך דעם אקט אויסצופיהרען אויף מאָרגען, דאָנערשטאג, האט דער ה׳ סטאַראָסטא ערקלערט, אז דאס דארף אומבעדינגט אויסגעפיהרט ווערען, מיטוואָך, ווייל ער וויל אויף זיך נישט נעמען די אחריות.

נעבענדיג צייט ביז 5 נ. מ. און נישט קענענדיג זיך דערוואַרטען אויף דאס אָנקומען פון ה׳ קעסטענבערג, האט די פּאָליציי נאָך דער פעראָרדנונג פון דער פּראָ־קוראַטאָר אויפגעמאַכט מיט דער הילף פון א שלאָסער די טהירען פון קעס-טענבערג׳ס קאַנצעלאַריע אין דער אנ־וועזענהייט פון די דערמאָנטע צוויי קהלה-פאַרשטעהער; מורה הוראה ה׳ טייטעלבוים; רעפּערענט פון דער סטאָ-ראָסטווא, קאָמענדאַנט פון דער קריינ־פּאָליציי און רעפּערענט פון דער זיכער-הייטס מאַכט, און נאָך א פּיער שעה׳־דיגע קאָנטראָל זענען 10 אזייגער די ביכער פון ציוויל-שטאַנד איבערגע־פיהרט געוואָרען אין לאָקאַל פון דער גמינע.

איינקנעהענדיג האָט די פּאָליציי פער־חתמ׳עט די קאַנצעלאַריע פון ה׳ קעס־טענבערג ביז ער וועט קומען זיך מעל-דען אין דער סטאַראָסטווא.

דער מורה הוראה ה׳ טייטעלבוים ער-קלערט, אז די קלאַגען, וועלכע האָבען זיך פערשפּרייט, דאָס ער האָט ערהאַל-טען א בריעף פון אמשינאָווער רבי׳ן, ער זאָל נישט איבערנעמען די ביכער פון ציוויל-שטאַנד — זענען נישט אמת און גענצליך אויסגעקלערט.

## מאַסקען-באַל פון ספּאָרט-געזעל. „בר—כוכבא.

די איינציגע ערנסטע ספּאָרט—גע-זעלשאַפט אין ראַדאָם „בר—כוכבא״ ענטוויקעלט זיך גאַנץ נאָרמאַל און שטופּענווייז ווערען אריינגעצויגען אלס בריידערע געזעלשאַפטליכע קריי-זען פון אונזער שטאָדט אין דער ספּאָרט—בעוועגונג.

נישט דאָ איז דער ריכטיגער פּלאַץ אויפצוקלערען די גרויסע בעדייטונג פון דער פיזישער ערציהונג פון דער יודישער יוגענד, ס׳איז דאָך א פאַקט, אז די ספּאָרטליכע בעוועגונג ביי נאָרמאַלע פעלקער איז פאַרגעזעהן אין אלגעמיינעם פּראָגראַם פון די רעגי-רונגען און אויף דעם צוועק זענען בעשטימט גאַנץ בעדייטענדע סומען אין מלוכה-בודזשעט. ס׳איז קלאָר,

(ענדע אויף דער 10 טער זייט.)

JASNIEJ SŁOŃCA

NAJLEPSZA ZAPRAWA DO PODŁÓG

פּרישט אָב פּאָסאָדזקעס, לינאָלעאום און פאַרבט אין פערלויף פון איין שעה, ווייסע פּאָדלאָגעס אויף רויט אָדער טונקעל-ארזשעך.



שאָקאָלאַד
„אָפּטימאַ"!
איז די בעסטע

(ענדע פון דער 7 זייט.)

אַז די יודישע געזעלשאַפט נעניסט לײדער נישט פון די דערמאָנטע פאָנדען, זײענדיג אָויפגעשטעלט אויף זעלבסטהילף.

די ראַדאָמער יודישע־געזעלשאַפט „בר־כוכבא" פײערט יעצט איהר 5 יעריגע עקזיסטענץ און שטײגעריג װײ־טער פאַר גרויסע ריעזיגע אויפגאַבען, אָרדענט איין דעם 26 ד. ח א מאַסקען באַל צו בעשאַפען זיך פינאנסיעלע מעג־ליכקײטען.

די דערמאנטע סימפּאַטישע געזעל־שאַפט פערדינט אונטערגעשטיצט צו װערען מצד דער יודישער געזעלשאַפט אין ראַדאָם און ס'איז צו האָפען, אַז דער מאַסקען באַל װעט געבען דעם

...נהעריגען פינאַנס־קלאַן צו פּאָלג.

## יודישע כלולזיענא (פלאַץ 3־ער מאַי) בעקומען קרעדיט אין באַנק פּאָלסקי

די יודישע קרעדיט קאָאָפּעראַטיװ פאַר האַנדעל און מלאכה (פּלאַץ 3 ער מאַי 2) האָט צו פערצײכענען אױף אַלע געביטען פון איהר טעטיגקײט אַ שטאַר־קע אױפבלײבונג. דער בילאַנס, װעלכער װעט קיוצלך אָפּיציעל בעקאַנט גע־מאַכט װערען, װעט מיט צאַהלען בע־װײזען די לעבהאַפטע ענטװיקלונג, מיט װעלכער אַ גרויסע באַנק אין דער רעװידענץ האָט זיך נישט צו פערשע־מען. פון גוט אינפאָרמירטע קװעלען װערען מיר געװאויר, אַז די היגע באַנק פּאָלסקי האָט מיט דער הסכמה פון דער צענטראַלע פון קאָאָפּעראַטיװ־קרעדיט צוגעטײלט דער דערמאָנטער באַנק אַ קרעדיט פון 30 טױזענד זלאָ־טעס די באַנק איז פאָרלױפיג די אײנס־ציגע פון די 360 יודישע קאָאָפּעראַטיװען אין דער פּױלישער מלוכה, װאָס קאָן מיט אַזאַ ערפאָלג זיך פּרעזענטירען.

## פון האַנדװערקער־קלוב.

פאָריגען זונטאג איז אין קלוב פאָר־געקומען דער המשך פון דער יעהר־ליכער אַלגעמײנער פערזאַמלונג. נאָך דעם װי דער פאָרזיצענדער ח' קאַסטאַ, לײנט פאָר אַלע פּונקטען פון טאָג־אָרדנונג, װעלכע װערען דורך אַלע פערזאַמעלטע אײנשטימיג אָנגענומען, װערט פאָרגעלײגט די קאַנדידאַטען־ליסטע, װעלכע איז אָנגענומען געװאָ־רען אױף דער קאָנפערענץ פון די פאַך פאַרשטעהער בײם קלוב.

אין דער פערװאַלטונג זענען גע־װעהלט געװאָרען די ה"ה: בריליאַנט (פּרעזעס), מאַנישעװסקי, װײנגאַרט, בערקאָװיטש ש., א. האָך, סטראַװ־טשינסקי, אד"י. ראַקאָפּש, פּ. בירענ־בױם, ח בױמאַן, י. לישקעװיטש און קאַסטאַ. אַלס קאַנדידאַטען: ב. האַכמאַן, צ. בױמאַן, י. קינצלער, אַ. סאַיולאָ־װיטש, י. ראָזענצװײג. ב. קױפמאַן. אין רעװיזיאָנס־קאָמיסיע ה"ה: א. לעװין, ה. מענדעלסאָן, און ח. י. ראַזבלאָט. אין שידס'ס־געריכט ה"ה: מ. קאַטליאַר, ב. האַכמאַן, י. פעלר־מאַן, ראָטבלאַט און ג. בײטשמאַן.

## א נייע יודישע קרעדיט־אינסטי־טוציע אין ראַדאָם.

אין ראַדאָם איז לעצטענס ענטשטאַ־נען אַ נײע יודישע קאָאָפּעראַטיװע באַנק א. נ. „באַנק קרעדיטאָװי". די נײע באַנק האָט זיך געשטעלט פאַר אַ אױפגאַבע ענטגעגענצוקומען דעם יו־דישען סוחר מיט ביליגען קרעדיט, װי אױך אין פערשידענע פאָרמען צו פער־לײכטערן איהם אין זײנע האַנדעלס־אָפּעראַציעס, אױסנוצענדיג איום טײלען די נחיות, װעלכע װערען אָדרעסירט אױפ'ן נאָמען פון די באַנק, אָדער מאָנאָפּיזירט אין די לאַ־גערען פון די באַנק, און פאַל יוען צוליב דוחק אין מזומן איז איהם שװער מיט אַ מאהל אױסצוקױפען דעם גאַנצען טראַנספּאָרט סחורה די דאָזיגע בעקװעמליכקײט האָט בלי ספק בײ דער הײנטיגער שװערע צײט אַ קאָלאָסאַלע בעדײטונג פאַרן יודישען כוח, װײל דורך דעם פערמילדערען דעם געלד־מאַנגעל בעקומט ער מעג־ליכקײטען פאַר אַ בעסערער און נאָר־מאַלער ענטװיקלונג. דער ציעל פון דער באַנק בערעכטיגט איהר עקזיס־טענץ, װײל בײ דער יעצטיגער עקאָ־נאָמישער קאָניוקטור, איבערהױפּט פאַ־ן יודישען סוחר. װערט די באַנק אײנע פון די װיכטיגע פאַקטאָרען אין קאָאָפּעראַציע־שטיק־פּונקטען פאַרן האַנדעלס און אינדוסטריעלען פער־קעהר.

אין דער שפּיץ פון באַנק שטעהט דער היגער בעװאוסטער אינזשעניע־רער, ח' נתן גאָטליב. די פערװאַל־טונג בעשטעהט פון די ה"ה זיפער־מאַן, װײנמאַן און בערגער.

PANIE GOSPODYNIE!

**Wobec nadchodzących świąt**

**Spieszcie z przysyłaniem f i r a n e k do prania do pralni „EKONOMJA" w Radomiu Lubel. 9.**

*UWAGA: prasowanie firanek odbywa się na specjalnych udoskonalonych aparatach.*

Robota szybka i wykwintna.

BROWAR PAROWY

# J. SASKI

**w Radomiu**

poleca piwo

# „EL".

דעם טיהפגעפיהלטען מיטגעפיהל דריקען מיר אױס אונזער חבר מיטגליד פון פערװאַלטונג בײם סוחרים־פעראײן אין ראַדאָם אליעזר פרענקעל צוליב דעם אומגליק, װאָס האָט איהם געטראָפען מיט דעם טױדט פון זײן פרוי

# ביילה ראַניע

ער זאָל געפינען טרייסט, המקום ינחם אותו בתוך שאר אבילי ציון וירושלים

סוחרים־פעראײן אין ראַדאָם

**Z powodu zgonu drogiego MĘŻA i OJCA**

**b. p. W. FINKIELSZTAJNA**

**wyrazy szczerego współczucia składa rodzina GOLDSZSTAJN.**

# קאָנקורענץ

פון די נײעסטע ה א פ ט ע ן בײ דער לאַנג עקזיסטירענדע פירמע צעחאַנאָװיעצקי, שפּאַציער־גאַס № 12.

Kino „ODEON" w Radomiu

פון הײנט דאָנערשטאָג װערט דעמאָנסטרירט דאָס הערליכע בילד מיט

# דזשאַק קאָגאַן

אין דער הױפּט־ראָל

Następny nasz program to clou obecnego sezonu p. t.

**Wielka parada**

**Kino „CORSO" w Radomiu**

Od czwartku 17 do niedzieli 20 lutego 1927 roku włącznie

# ŻART LOSU

dramat w 10 dużych aktach

**w rolach głównych**

**ALEKSANDER CARR**

i najmłodsza gwiazda ekranu

**BABY PEGGY.**

# א פלאַץ

אױף שוהל גאַס № 11 איז דאָ צו פערדינגען אַ פּלאַץ, ערקונדיגען זיך אױף פאָלגענדען אַדרעס:

מאַטיל פּלאַמענבוים

גמ. יעדלניא

# קוילען

אױף קאָנקורענץ־פּרײזען

אין קױלען־סקלאַד פּיאַסקי 73 איז צו בעקומען קױלען פון דער בעסטער קװאַליטעט אױף קאָנקורענץ פּרײזען.

קומט און איבערצײגט אײך!

Redaktor i Wydawca CH. M. Herc — Odbito we własnej drukarni Radom, Szwarlikowska 20